**גוט שבת אלע אידן.** דער יונגער בחור לייב איז געווען אויסערגעווענטליך פריילעך אז ער וועט האבן די געלעגענהייט צו זיין שבת מיט זיין עלטער-פעטער דעם "חפץ חיים" הרה"צ רב ישראל מאיר הכהן פון ראדין זצ"ל. לייב האט געדארפט פארן דורך דעם גאנצן נאכט מיט א באן כדי אנצוקומען קיין ראדין. אויף דעם אומרוהיגן באן האט דער בחור לייב גאר נישט געקענט שלאפן. וועגן דעם איז ער געווען אויסגעמוטשעט מיד ווען ער איז סוף כל סוף אנגעקומען ערב שבת קיין ראדין. ווען ער איז אנגעקומען צו זיין פעטער'ס הויז, איז ער גלייך געגאנגען דאווענען מנחה און באלד דערנאך האט ער זיך געכאפט א דרימעל אויף דעם פעטער'ס קאוטש.

ווען לייב איז אויפגעשטאנען איז שוין געווען נאכט און ער האט באמערקט אז זיין פעטער דער הייליגער חפץ חיים זי"ע איז שוין געווען געזעצן ביים שבת טיש לערנען אין א ספר. דער חפץ חיים האט געגרוסט זיין נעפיו מיט א ווארעמע "גוט שבת." נאכדעם האט ער געהייסן אז לייב זאל דאווענען קבלת שבת און מעריב. ווען לייב האט זיך געענדיגט דאווענען, איז ער צוריקגעקומען צו דעם שבת טיש וואו דער חפץ חיים און זיין רביצען האבן געווארט אויף אים.

נאך דעם סעודה, האט דער חפץ חיים פארלאזט דעם טיש און ער האט זיך ארופגעלעגט שלאפן. לייב איז געגאנגען נאכאמאל צו דער קאוטש וואו ער האט פריער געכאפט א דרימעל ערב שבת. וויבאלד לייב האט נישט לאנג פאר דעם געשלאפן, איז עס אים שווער געווען צו גיין שלאפן נאכאמאל. נאך עטליכע מינוטן פון דרייען אין בעט, איז לייב אויפגעשטאנען און געגאנגען צום קאך. אויפ'ן וואנד פונעם קאך האט ער געזען א זייגער. ער האט געקוקט אויפ'ן זייגער און דער זייגער האט באוויזן 4:00 אזייגער! לייב איז געווארן ערשטוינט. ער האט געקוקט אין דרויסן דורך דעם פענסטער און ער האט געזען אז עס איז געווען גאנץ טינקעל. האט די שבת סעודה גענומען אזוי לאנג? לייב האט נישט געהאט קיין השגה וויפיל אזייגער עס איז טאקע געווען. ער איז צוריק געגאנגען צום קאוטש וואו ער איז אביסל שפעטער איינגעשלאפן.

ווען לייב איז אויפגעשטאנען אינדערפרי, האט ער געפרעגט זיין עלטער מומע דער חפץ חיים'ס רביצען וואס איז געשען די פריעדיגע נאכט. איז דער זייגער אין קאך געווען פונקלעך? עס איז נישט געווען מעגליך אז די שבת סעודה האט געדויערט אזוי לאנג! די רביצען האט אים געענפערט, "איך גיי דיך פארציילן וואס איז געשען..." פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה לאמיר אביסל רעדן פון די חשיבות פון דער מצוה פון הכנסת אורחים.

מיר לייגען וועגן דעם מצוה פון הכנסת אורחים און די וואכעדיגע סדרה **וירא**. די תורה דערציילט ווי אברהם אבינו ע"ה "...ישב פתח האהל כחם היום." האט ער געזעסען אין דער טיר פון זיין געצעלט אז דער טאג איז געווען גאנץ הייס. (בראשית יח:א) רש"י איז מסביר אז אברהם אבינו האט געווארט צו זען טאמער קומט עמיצער, וועט ער זיי אריין ברענגען צו זיך אין שטוב. ווען אברהם אבינו האט געזען דריי מענטשן קומען, איז ער געלאפן צו זיי כדי צו מקיים זיין דעם מצוה פון הכנסת אורחים.

ס'איז באקאנט אז בשעת די אורחים זענען געקומען האט אברהם אבינו געהאלטן אין מיט'ן מקבל פנים זיין די הייליגע שכינה. דער אויבערשטער איז געקומען מבקר חולה זיין אברהם אבינו ווען ער איז געווען אין די דריטע טאג נאך זיין ברית מילה ביי די 99 יאר. ווען אברהם אבינו האט געזען די אורחים, האט ער געבעטן פון דעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער זאל ווארטן א פאר מינוט כדי אברהם אבינו זאל קענען אריינברענגען די געסט. זאגט די גמרא אויף די פרשה: "אמר רב יהודה אמר רב: גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פני שכינה, דכתיב (בראשית יח) ויאמר ה' אם נא מצאתי חן בעיניך אל נא תעבר וגו'." (שבת קכז.) ד"ה הכנסת אורחים איז גרעסער ווי מקבל זיין די הייליגע שכינה. נאכדעם וואס אברהם אבינו האט געבעטן רשות פונעם אויבערשטן, זענען ער און זיין בני בית געלאפן צוגרייטן א סעודה פאר די געסט. פון דא זעט מען דאס חשיבות פון די מצוה פון הכנסת אורחים.

דער של"ה הקדוש איז מסביר אז הכנסת אורחים איז א מצוות עשה פון "והלכת בדרכיו". ( דברים כח,ט) דער סמ"ג איז מסביר אין "חלק עשיין" במצוה ז', אז די מצוה פון "והלכת בדרכיו" מיינט "ללכת בדרכיו הטובים והישרים" צו גייען אין דער אויבערשטער'ס גוטע און ריכטיגע וועגן. דער של"ה איז ווייטער מסביר אז "כי הקב"ה מכניס אורחים בכל זמן ועידן בכל שעה ובכל עת ובכל רגע, כי אם לא היה מכניס אורחים ברגע כמימרא (מיד) היה העולם אבד. רצוני לומר כי כל העולם אורחים הם לגבי השם יתברך... וכהרף עין אם לא השפיע עליהם והכניסם לקיום אז הכל אבד. וזהו הענין שפירסם הכתוב באורך מעלת הכנסת אורחים שהיתה באברהם, ושהוא גדול מהקבלת השכינה, כדאיתא במסכת שבת וכו'" (ספר בראשית - פרשת וירא נר מצוה) די וועלט געהערט צו דעם רבונו של עולם, אלע מענטשן זענען געסט אין דער אויבערשטער'ס וועלט. טאמער דער אויבערשטער וועט ווי חס ושלום נישט מכניס אורח זיין אלע מענטשן אין זיין וועלט, וואלט אלע באשעפענישען נישט געהאט קיין קיום. וועגן דעם איז איינער מקיים דעם מצוה פון "והלכת בדרכיו" ווען ער טוט הכנסת אורחים.

אסאך ענינים פון דער מצוה פון הכנסת אורחים זענען מרומז אין דער פרשה פון אברהם אבינו'ס הכנסת אורחים מיט די דריי מלאכים. למשל, א כלל אין הכנסת אורחים איז אז גלייך ווען א גאסט קומט אריין זאל מען אים געבן צו עסן און טרינקן. זעט מען ווי אברהם אבינו האט גלייך צוגעגרייט עסען פאר די געסט אנשטאט אפהאלטן דעם גאסט מיט א לאנגע שמועס. דאס איז אפשר מרומז אין פסוק: "...ואתה נותן להם את אכלם בעתו וגו'" (תהילים קמה,טו) אזוי ווי דער אויבערשטער גיבט צו עסן צום צייטענס, דארפען מיר אויך טון אזוי. דאס איז א וויכטיגע נקודה צו דערמאנען, ווייל א גאסט האט א חזקה פון זיין הונגריג און דארשטיג, בפרט ווען ער איז געפארן א לאנגע וועג. דאס איז אפשר מרומז אין פסוק: "...**וירץ** לקראתם וגו'" און אברהם אבינו איז געלאפן אקעגן זיי וגו'. "רץ" (לויפען) איז נטריקון **רעב** - הונגריג, און **צמא** דארשטיג.

בכלל זעט מען פון די פרשה דעם ענין פון זריזות ביי דער מצוה פון הכנסת אורחים, למשל "**וירץ** לקראתם" און אברהם אבינו איז געלאפן אקעגן זיי וגו' "און **וימהר** אברהם האהלה אל שרה ויאמר **מהרי** וגו'" און אברהם אבינו האט געאיילט צום געצעלט צו שרה און ער האט געזאגט אייל וגו' (יח,ו) און "ואל־הבקר **רץ** אברהם... **וימהר** לעשות אתו." און צו דער רינד שטאל איז אברהם געלאפן... און ער האט געאיילט צו מאכן דעם.(יח,ז) זעט מען אויך אן אנדערע וויכטיגע ענין אין די פרשה, ד"ה מען זאל נישט אפהאלטן די געסט נאכן בענטשן. אזוי ווי ס'ווערט געברענגט אין פסוק "...אחר תעברו וגו'" דערנאך וועט איר אוועק גיין, ד"ה באלט נאך דער סעודה. (יח, ה)

רש"י אין ד"ה "וַיַּרְא" (יח, ב) איז מרמז אויף אן אנדערע נקודה. רש"י איז מסביר אז אברהם אבינו איז געלאפן צו די מלאכים ווייל ער האט פארשטאנען אז די מלאכים האבן אים נישט געוואלט מטריח זיין ("ולהראותו שלא רצו להטריחו"). מען זעט דעם ענין ביי אורחים אין שול. אסאך מאל פירט זיך א גאסט אזוי: באמת וויל ער זיין איינגעלאדענט ביי יענעם פאר א שבת סעודה, אבער ער וויל נישט מטריח זיין יענעם. אז כדי צו מרמז זיין אז ער וויל זיין איינגעלאדענט, שטייט ער פאר דער בעל הבית. לאמיר יעצט ענדיגען די מעשה פון דעם חפץ חיים זי"ע...

...שבת אינדערפרי האט די רביצען פון דעם חפץ חיים זי"ע אנגעהויבן צו פארציילן פאר דעם בחור לייב וואס איז געשען דעם פריעדיגע נאכט. ווען דער חפץ חיים איז אהיים געקומען פון שול פרייטאג צו נאכטס איז לייב שטארק געשלאפן. צוליב זיין חביבת פון דער מצוה פון הכנסת אורחים, האט דער חפץ חיים נישט געוואלט אויפוועקען זיין נעפיו לייב, אפילו עס איז געווארן שפעט. א פאר שעות שפעטער ווען לייב האט נאכנישט אויפגעשטאנען פון זיין טיפע שלאף, האט דער חפץ חיים געהייסן אז זיין זון ר' אהרן זאל מאכן קידוש פאר די רביצען. סוף כל סוף ווען לייב איז אויפגעשטאנען בערך 2:30 ביי נאכט, האט דער חפץ חיים ערשט געמאכט קידוש. דער חפץ חיים איז זיכער געווען הונגריג, אבער, זיין רביצען האט דערציילט צו לייב, אז ער האט בשום אופן נישט געוואלט מאכן קידוש פאר זיין חשוב'ע גאסט לייב וועט קומען צו דעם טיש.

אמאל האבן די בני בית פונעם חפץ חיים געזען ווי דער חפץ חיים מאכט א בעט אין דעם גאסט שטוב, ווייל א גאסט האט געדארפט קומען. די בני בית האבן געבעטן פונם חפץ חיים אז ער זאל זיי לאזן צוגרייטן דעם בעט ווייל זיי האבן געהאלטן אז עס פאסט נישט לויט זיין כבוד. דער חפץ חיים האט צוריקגעהאלטן פון לאזן זיין בני בית צוגרייטן דעם בעט זאגענדיק "ווען עס קומט צו דער מצוה פון תפילין וואלט איך עס עץ אויך לאזן טון פאר מיך כדי איך זאל נישט דארפן מטריח זיין?" (פון "ואהבת לרעיך כמוך", מאת הרב זעליג פליסקען שליט"א, עמ' סט)

אסאך צדיקים האבן פארשטאנען די וויכטיגקייט פון הכנסת אורחים ווייל זיי האב געהייסן אז מען זאל זיי באגראבן אין א ארון געמאכט געווארן פון זייער טיש. ווייל די משנה זאגט אז "...שבשעת פטירתו של אדם אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד וכו'" (אבות ו,ט) ווען א מענטש שטארבט, נעמט ער נישט מיט אלע געלט וואס ער האט געמאכט, נאר, ער נעמט מיט נאר די תורה וואס ער האט געלערנט און אלע מצוות וואס ער האט געטון. וויבאלד דער טיש איז דער פלאץ פון לערנען תורה און הכנסת אורחים, האבן צדיקים געהייסן אז מען זאל זיי באגראבן אין א ארון געמאכט געווארן פון דעם טיש!

לאמיר געדענקען דער מעשה פון דעם חפץ חיים זי"ע און דער דוגמה פון אברהם אבינו ע"ה. דאן קענען מיר נתעורר ווערן צו מקיים זיין דעם ריזיגען מצוה פון הכנסה אורחים מיט זריזות און שלמות. **גוט שבת אלע אידן.**

**<u>נתנדב על ידי ידידינו מוה"ר משה שמואל מלמד הי"ו לרגל ביקורו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בב"פ</u>**

מזל טוב למוה"ר וועלוועל (זאב שרגא פייוועל) שמעלצער הו"י לרגל שמחת לידת ביתו נ"י

<u>שתיקה יפה בשעת התפילה</u> *"כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן."* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-8425 (845) P.O. Box 334, Monsey, New York 10952